# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:23
מוצאי שב"ק...................5:53

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................ישעיה מ"ד-מ"ה
בבלי.........................נדרים י"ח
ירושלמי...................נדה י"ב
תוספתא......................סוכה א'
רמב"ם.......................עבדים ד'


פרשת וירא, י"ח חשון, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 7 (577)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח**, לוֹט'ס וַוייבּ הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט פוּן הוּנְטֶער זִיךְ, אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), דִי וֶועלְט קוּקְט אָן "שִׁכְחָה", דִי זַאךְ פוּן "פַארְגֶעסְן", אַלְס אַ חִסָּרוֹן, אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען נִישְׁט פַארְגֶעסְן, וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וָואלְט אִים אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעדֶענְקְט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אָבֶער יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ; וִוי נָאר אַ זַאךְ אִיז פַארִיבֶּער, קֶען מֶען גְלַייךְ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער דוּרְכְפַאל הָאט קֵיינְמָאל פַּאסִירְט, מֶען דַארְף מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵז, **וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו**, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף צוּרִיק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ כְּסֵדֶר דִי אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוּרְכְפֶעלֶער, **וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח**, דַאן וֶוערְט מֶען אַ שְׁטִיק זַאלְץ, עֶס וֶוערְט אַ זַאלְצִיגֶע וֶועלְט, אַ בִּיטֶערֶע וֶועלְט, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, נִישְׁט בְּרוּחְנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, בִּכְלַל נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער פוּן פְרִיעֶר, דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ". מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט וָואס אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּל, מִיר וֵוייסְן טַאקֶע נִישְׁט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אָבֶער מִיר קֶענֶען דָאס נוּצְן אַלְס אַן עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנַייעֶן, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ שְׁטַארְבְּן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, אִיךְ קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אָבֶער אִין מֵיין קָאפּ בִּין אִיךְ יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נַייעֶם גִלְגוּל, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם נַייעֶם גִלְגוּל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס הַצְלָחָה, אוּן מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ פְרִישֶׁע גִלְגוּל.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה י:) "**כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר**", וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי – אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען", אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן פוּן צַעַר, דָאס אִיז מְרַמֵז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נָאר צַעַר פוּן דֶעם, עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶס הַאלְט אִים אָפּ פוּן מַאכְן פָארְשְׁרִיט וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, אָבֶער וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהָיָה – אוּן עֶס וֶועט זַיין", זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מ"ג, ג') אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה; וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן וָואס וֶועט זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט סַיי וָואס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין כַּעַס, אָדֶער סַיי וָואסְפַארַא דוּרְכְפַאל עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אוּן עֶס הוֹיבְּט אִים אָן עֶגְבֶּערְן זַיין מֹחַ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְהוֹיבְּן, תְּשׁוּבָה טוּן, פַארְגֶעסְן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן; מֶען זָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטָארְט טוּן, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן? זַיי מִיר מוֹחֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין נָאר גוּט אוּן וואוֹיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט פוּן פְרִישׁ, אוּן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין מַיין נַייעֶ לֶעבְּן".

אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח), "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּרָא תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ דוּרְכְפַאל

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ"ג.) "אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.


<<<<<<


## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה): "כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל; וָואס אִיז דָאס שֵׂכֶל אוּן וָואס אִיז דָאס דִמְיוֹנוֹת? אַלֶעס וָואס הָאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְהַוֶה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיךְ זָאל אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר וַוארְט אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים' - דָאס אִיז שֵׂכֶל; אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען טְרַאכְט אוּן מֶען רֶעדְט, 'אוֹיבּ דֶער וֶועט גֶעוִוינֶען - וֶועט זַיין גוּט אוּן אוֹיבּ יֶענֶער וֶועט גֶעוִוינֶען וֶועט זַיין נִישְׁט גוּט' - דָאס אִיז אַלֶעס כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אוּן אַז מֶען טְרַאכְט: 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעוִוינֶען דִי לַאטֶערִי וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ' - דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹן.

וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן כֹּחַ הַמְדַמֶּה? דוּרְךְ תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט - מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'מָשִׁיחַ' אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן 'מֵסִיחַ' אִלְּמִים, מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַלֶע שְׁטוּמֶע זָאלְן שְׁמוּעֶסְן; וָואס מֵיינְט שְׁטוּם? אַז מֶען רֶעדְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם - אוֹיסֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט, אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, וִוי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין פַארְנַארְט; אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ גֵיי לֶעבְּן פַאר אֵייבִּיג, אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ הָאבּ, אִיךְ מַאךְ אוּן טוּ, אִיךְ פַארְגֶעס אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ אַבִּיסְל דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן אִיבֶּערְלָאזְן מַיין הָאבּ אוּן גוּטְס פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הַיינְט עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיּוֹת; אִיךְ זָאל זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן" - דָאס אִיז שֵׂכֶל. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי רִיכְטִיגֶע אִינֶוועסְטְמֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִן הַסְתָּם קוּמְט מֶען צוּ דִיר אוֹיךְ מִיט דִי חֲלוֹמוֹת אַז מֶען קֶען יֶעצְט אִינֶוועסְטִירְן אוּן מַאכְן אַסַאךְ רְוָוחִים וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, הֶער נִישְׁט אוֹיס, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְנַארְן; אִינֶוועסְט אִין דַיין שְׁטוּב, אִינֶוועסְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אִינֶוועסְט אִין דַיין נְשָׁמָה.

גֵיי אַהֵיים צַייטְלִיךְ, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גַאס, גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ. זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינֶוועסְטִירְן – וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל זִיךְ זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶער בִּיק אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּן מִיט אִים, עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, עֶר וֶועט דִיר שְׁפֵּייעֶן אוּן לַאכְן אִין פָּנִים.

אַזוֹי אוֹיךְ דַיינֶע טֶעכְטֶער, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינֶוועסְטִירְן אִין זֵיי יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, דוּ וֶועסְט זֵיי לָאזְן הֶפְקֵר, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער זַיין אִין דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דַיינֶע כְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים – וֶועסְטוּ זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל וָואס וֶועט דִיר אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן; זִי וֶועט דִיר דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ וִויל דִיר אָבֶּער אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, פוּן דַיין טִיפֶע חָלוֹם, פוּן אִינֶוועסְטִירְן אוּן פוּן מַאכְן נָאךְ גֶעלְט אוּן נָאךְ גֶעלְט אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים; גֵיי אַהֵיים, זַייְ אִין שְׁטוּבּ, בַּייְנַאכְט גֵייט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס אִין גַאס. קוֹדֶם זָאלְסְט הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אַבִּיסְל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם, וֶוען זֵיי גֵייעֶן שְׁלָאפְן – זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אַבִּיסְל אַסַאךְ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי פָּאלִיטִיק, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְּרֶעמִיעֶר מִינִיסְטֶער אִין מְדִינַת יִשְׂרָאֵל אוּן וֶוער עֶס גֵייט וֶוערְן גָאוֶוערְנֶער אִין נְיוּ יָארְק, אַלֶעס וֶועט בְּלַייבְּן דִי זֶעלְבֶּע. אַלֶעס אִיז הֶבֶל הֲבָלִים; אַלֶעס אִיז נָאר אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט אַלֶעס, מַאכְט אַלֶעס אוּן אִין אִים וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט גֶעוואוּנֶען, דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"ג)



דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי לַאנְג עֶלֶעקְטָארִישָׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין פַּאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצְיֶע צוּ וִויסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה', דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. ווִידֶער דֶער תָּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דִי מַעֲלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

## אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חֲזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חֲזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֵרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֵרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֵרֶךְ צַדִיק)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנה)

**תקנג**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וָואס פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל טְרַאכְטְן אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן בְּלוֹיז אַש אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה י"ז.) אַז דִי נְשָׁמוֹת פוּן רְשָׁעִים וֶועלְן וֶוערְן "אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵי צַדִּיקִים", אָבֶּער וָואס עֶס וֶועט נָאר זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס, "נִישְׁט, וֶועט שׁוֹין פוּן מִיר נִישְׁט זַיין".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק אִיז אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם אַז עֶר וֶועט כָאטְשׁ נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, עֶפֶּעס וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן פוּן אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט אַז אוֹיבּ חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אַש, וֶועט זִיכֶער זַיין אִין דִי אַש עֶפֶּעס אַ סָארְט חַיוּת, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גוּט, כָאטְשׁ וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעמָאלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ אַסַאךְ מָאל מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ צוּם סוֹף וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אִים בְּלוֹיז אַש אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִיקִים, אִיז עֶר מַסְכִּים וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ אַרַיינְצוּכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין טוּן מִיט אִים וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

**תקנד**

נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן צוּגֶעעֶנְדִיגְט אָפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁרִיפְט אוֹיף אַ גֶעהֶערִיגְן סֵדֶר גְרֵייט צוּם דְרוּק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן [זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תקל"ז].

**תקנה**

אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "יֶעצְט וֵוייס אִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין נָאר לֶעצְטְנְס גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי וֶועלְט רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, דָאס מַאכְט אַז צַדִיקִים זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זַיין קַיין עֲנָוִים [זֶע דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ז], אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם וֵוייס אִיךְ גָארְנִישְׁט". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי נָאכְאַמָאל קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט, "אַזוֹי וִוי דוּ וֵוייסְט נִישְׁט, מַמָּשׁ אַזוֹי וֵוייס אִיךְ יֶעצְט טַאקֶע גָארְנִישְׁט".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט פִירְט עֶר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ לֶערְנְט עֶר אַבִּיסְל אוּן זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִים, דֶערְנָאךְ עֶסְט עֶר עֶפֶּעס אוּן לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן דַאן רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מִיר רַחֲמָנוּת".

דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער, "אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מִיר רַחֲמָנוּת", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת, אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעהֶערְט הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע רַחֲמָנוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁפְּרֶעכְן קֶעגְן עַיִן הָרָע?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, בִּפְרַט אוֹיף דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁפְּרֶעכְן קֶעגְן עַיִן הָרָע יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט?

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלְס קִינְד בַּיי מַיין טַאטֶע אִינְדֶערְהֵיים אַז מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט אָפְּשְׁפְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער יֶעדְן חוֹדֶשׁ, אוֹיךְ הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה גֶעזָאגְט אַז דָאס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע סַכָּנוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מִיר הָאבְּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַנְדֶערֶע וֶועגְן אָפְּצוּשְׁפְּרֶעכְן עַיִן הָרָע. מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:) אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אַמוֹרָא רַבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רַבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ ווִילְסְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף, עֶס שַׁאדְט נִישְׁט קַיין שׁוּם עַיִן הָרָע.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן אוֹיךְ דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִינְ'ס. דָא הָאט אִיר דִי אֲנִי מַאֲמִינְ'ס אִין אִידִישׁ, זָאגְט דָאס יֶעדְן טָאג - וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע עַיִן הָרָע:

1) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא בּוֹרֵא** עֶר בַּאשַׁאפְט, **וּמַנְהִיג** אוּן פִירְט, **לְכָל הַבְּרוּאִים** אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיין, **עָשָׂה** הָאט גֶעטוּן, **וְעוֹשֶׂה** אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **וְיַעֲשֶׂה** אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, **לְכָל הַמַּעֲשִׂים** אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא יָחִיד** עֶר אִיז אֵיינֶער, **וְאֵין יְחִידוּת** אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, **כָּמוֹהוּ**, **בְּשׁוּם פָּנִים** אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיינְס, **אֱלֹהֵינוּ** אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, **הָיָה** עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, **הֹוֶה** עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, **וְיִהְיֶה** אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **אֵינוֹ גוּף** אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, **וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף** אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, **וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל** אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא רִאשׁוֹן** עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, **וְהוּא אַחֲרוֹן** אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **לוֹ לְבַדּוֹ** נָאר צוּ אִים אַלֵיין, **רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל** דַארְף מֶען בֶּעטְן, **וְאֵין רָאוּי** אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, **לְהִתְפַּלֵּל** צוּ בֶּעטְן, **לְזוּלָתוֹ** פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת** אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת'דִיג.

7) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **הָיְתָה אֲמִתִּית** אִיז אֱמֶת'דִיג, **וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים** אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, **לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו** דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, **וְלַבָּאִים אַחֲרָיו** אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

8) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁכָּל הַתּוֹרָה** אַז דִי גַאנְצֶע

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

9) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַּארְטוֹישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

10) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): 'הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, 'הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם' אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

11) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שָׂכָר, לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַּאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְווֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָּאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְווֹת.

12) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וַוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

13) אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַאר אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# הערליכע שבת אין שטעטל מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת לך האט דער ראש ישיבה שליט"א געפראוועט אין שטאט ברסלב ליבערטי, וואס האט גאר שטארק מחזק געווען און אויפגעהייטערט די ארטיגע חשובע איינוואוינער.

די תפלות האט דער ראש ישיבה שליט"א איינגעטיילט אין עטליכע שולן פון שטאט, פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אינעם נייעם בית המדרש "פעולת הצדיק" אויף די רעדקליף גאס, אינדערפרי אין בית המדרש "אשר בנחל" אויף דענמאן, און שלש סעודות אין בית המדרש "עצתו אמונה", אויף טווין ברידזש.

ווי די אידן אין שטעטל געבן איבער איז עס געווען גאר א געשמאקער שבת מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א, עס ארייגעבלאזן אין זיי א פרישן גייסט, זיך צו שטארקן און אנגיין ווייטער מיט׳ן הייליגן רבינ׳ס עצות און לימודים.

א לענגערע באריכט איבער׳ן שבת קען מען ליינען אין די צייטונג "קרית ברסלב בלעטל" פון די וואך.

**השבת נועם הנשמות!**

***

# בית המדרש "פעולת הצדיק", נייע בית המדרש אין שטעטל

טראץ דעם גרויסן פארלאנג פון פילע אנשי שלומינו וואס זוכן זיך ארויס צו ציען און קומען וואוינען אינעם שטעטל "קרית ברסלב", פרובירט דער ראש ישיבה גאר שטארק אז די פרייזן פון די דירות זאל בלייבן סטאביל, דער ראש ישיבה וויל אז אינגעלייט זאלן קענען לעבן מיט רואיגקייט און מנוחת הנפש, און נישט דארפן זיך איבער ארבעטן פשוט צו קענען האבן א דאך איבער׳ן קאפ.

דערפאר האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל נישט אזוי שנעל אפקויפן יעדע דירה וואס די שכנים לייגן נאר ארויס - אויב זיי הייבן די פרייזן, אויסנוצדיג דעם גרויסן פארלאנג, דער ראש ישיבה זאגט אז ענדערש זאל מען אביסל אויסווארטן און נאר קויפן הייזער וואס מען בעט די ריכטיגע מארקעט פרייז, אפילו אויב די הייזער זענען אביסל ווייטער איינס פונעם צווייטן.

די זעלבע זאך ווען עס קומט צו בויען פרישע הייזער גייט מען אויף דעם זעלבן סיסטעם, נאר וואו מען טרעפט א שטח פאר א גוטע פרייז קויפט מען עס אפ און מען בויעט דארט הייזער, אזוי ארום איז אויסגעקומען אז כאטש מען וואוינט טאקע אין איין געגנט, זענען אסאך הייזער נישט אזוי נאנט צו קענען גיין צופיס שבת אין איין בית המדרש, אזוי ווי אינדערוואכן וואס מען קען פארן מיט א קאר. צוליב דעם עפנט מען יעדע שטיק צייט נאך א בית המדרש אין יעדע פרישע געגנט וואו די אינגעלייט ציען זיך אריין.

יעצט קומט די נייעס אז אין דער "רעדקליף" געגנט האט זיך געעפנט די נייעסטע בית המדרש פון שטעטל, "רעדקליף" איז גלייך ביים אנהויב שטעטל, דער ראש ישיבה האט א נאמען געגעבן דער בית המדרש "פעולת הצדיק"

דער נייער בית המדרש "פעולת הצדיק" איז דער פינפטער בית המדרש אין שטעטל, די ערשטע בית המדרש איז די גרויסע שול אויף 181 האשקי ביים שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א, די צווייטע געפונט זיך אין די "דענמען" געגנט מיט׳ן נאמען "אשר בנחל", די דריטע איז אויף די "טווין ברידזש" גאס מיט׳ן נאמען "עצתו אמונה", די פערטע איז אויף "מארקס" מיט׳ן נאמען "מקור השמחה", און יעצט איז צוגעקומען דער פינפטער בית המדרש מיט׳ן נאמען "פעולת הצדיק".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון אלע בתי מדרשים אין שטעטל זאל ארויס קומען אסאך תורה, תפלה, התחזקות, שיעורים, סיומים, שמחות, און פילע מצות ומעשים טובים.

**ואני ברוב חסדך אבוא ביתך!**

***

# ישיבה קטנה "היכל הקודש" אין ירושלים עיה"ק

אנשי שלומינו אין ירושלים דאנקען דעם אייבערשטן "ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה" אז נאך אסאך תפלות וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז זייערע טייערע בחורים זאלן קענען לערנען אין א ישיבה וואס איז געבויט אויפ׳ן וועג וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, די טייערע בחורים וואס נפשם חשקם בתורה, זיי ווילן א ישיבה וואס איז געבויעט אויף לערנען יעדן טאג, א ישיבה וואס "התבודדות" איז נישט עפעס א שרעקעדיגע זאך, א פלאץ וואו מען איז מהדר צו "מעביר סדרה זיין יעדן טאג אביסל" ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, א מגיד שיעור וואס וועט כסדר דערמאנען די עצות פון הייליגן רבי׳ן, בפרט פאר בחורים ווי זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, און יעצט געלויבט דעם אייבערשטן זענען זייערע תפלות נתקבל געווארן ווען עס האט זיך יעצט ב"ה געעפנט צום ערשטן מאל א ישיבה קטנה "היכל הקודש" אין ירושלים פאר יונגע בחורים נאך די בר מצוה, א ישיבה וואו די בחורים וועלן וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים מיט די עצות, התחזקות און דיבורים פון הייליגן רבי׳ן, א ישיבה וואס וועט ווערן געפירט אויפ׳ן וועג וואס דער ראש ישיבה האט אראפ געשטעלט.

דערווייל האט זיך די ישיבה פלאצירט אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים, וואו מען הייבט אן דעם טאג מיט א ווארעמע שחרית, און נאכ׳ן עסן פת שחרית, איז דא א סדר היום וואס מען דארף לערנען. דער מגיד שיעור איז הר"ר משה שמואל שטעסל שליט"א א תלמיד הישיבה, וואס האט אסאך מקבל געווען פונעם ראש ישיבה וויאזוי זיך צו באגיין מיט בחורים. דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם ווינקל זאל ארויסקומען גוטע תלמידים וואס וועלן אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן.

**ינקותא כלילא דוורדא!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **ליפא לעווי** הי"ו

בן מו"ה **שמחה לעווי** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למז"ט עב"ג

***

מו"ה **שלום אלי׳ אינדיג** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## אפזאגן שידוכים

**א רייכער שיעור איבער דעם ענין פון אפזאגן שידוכים, ווי אזוי ווייסט מען ווען יא אפצוזאגן און ווען נישט? ווי אזוי האט זיך געשאפן די יעצטיגע "שידוכים קריזיס"?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 22**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י החתן מו"ה ליפא לעווי הי"ו לרגל שמחת נישואיו עב"ג למזל טוב**